**ביטע לייענען כאטש איין מאל א טאג, יעדן טאג, ביז ראש השנה!!**

# דריי פשוט'ע טריט צו ריכטיגע אהבת חנם!

## 1. יעדער איד איז א חלק פון מיר:

ביים בארג סיני, ווען אלע אידן זענען געשטאנען אינאיינעם, כאיש אחד בלב אחד, האבן אידן זוכה געווען צו קבלת התורה. פארוואס? ווייל קיין שום איד קען נישט מקיים זיין די גאנצע תורה אליין, נאר ווען מיר זענען פאראייניגט, איינער פארבונדן מיטן צווייטן, קענען מיר מקיים זיין די גאנצע תורה און אלע תרי"ג מצוות!

אזוי ווי מיר האבן אלע א חלק אין דעם אנדערנ'ס תורה, טיילן מיר זיך אין די זכות פון א צווייטער איד'ס מצוות, און מיר טראגן אויך די אחריות פאר זיינע זינד. כל ישראל ערבים זה בזה! מיר זענען אלע חלקים פון איין נשמה!

יעצט, אויב יעדער איך איז א טייל פון מיר, וועל איך זיך אומגיין מיט אים, ווי איך טוה פאר זיך:

- זיך אליין וועט מען נישט פיינט האבן – מען קען נישט פיינט האבן אנדערע.
- זיך אליין וועט מען נישט באשולדיגן און פאראורטיילן – קען מען נישט מקטרג זיין אויף אנדערע.
- לשון הרע וועט מען נישט רעדן אויף זיך – קען מען נישט רעדן קעגן אנדערע.
- אויף די אייגענע עוולות וועט מען זיך פארגעבן – דארף מען אויך מוחל זיין יענעמ'ס פעלערן.

## 2. צוגאנג לגבי אנדערע אידן:

ווען מיר באגעגענען איינער וואס דערגרייכט נישט צו אונזער "סטאנדארט", זאל זיין אין צניעות, בדיבור, אין אויפפירונג, אדער סיי וואס, זאלן מיר געדענקען, אז מיר זענען איין נשמה! דער רעזולטאט פון אזא צוגאנג איז:

- צו שפירן רחמנות, נישט כעס, אדער דערנידערונג.
- מתפלל זיין פאר אים, און נישט ארויסקומען מיט שטרענגע רייד אדער מחשבות.
- זיך פירן ווי א געטרייער אדוואקאט: "ער האט זיך נישט געקענט גובר זיין." און נישט ווי א באשולדיגער: "אייער אויפפירונג איז אן אפהאלט צו די גאולה!"

אויב מיר ווארצלען איין דעם צוגאנג און לעבן לויט דעם, וועט זיך דער באשעפער אויך פירן מיט אונז אזוי.

עס ווערט געברענגט: משיח בן דוד וועט נאר קומען אין א דור וואס איז כולו חייב אדער כולו זכאי. ווי אזוי קען אונזער דור זוכה זיין צו די גאולה זייענדיג "כולו זכאי"? ווען מיר זענען דן יעדער מענטש לכף זכות, דייטן מיר אים אן אלץ "זכאי". און אויב מיר טוען אזוי, וועט מען פון הימל אונז אלע דן זיין לכף זכות, און דער דור וועט טאקע זיין כולו זכאי!!

## 3. דער באלוינונג: א גוט לעבן!

ווען עס מאכט זיך אז איינער איז אונז גורם צער אדער שאדן, זאלן מיר געדענקען: דער קלאפ איז פון באשעפער, דער מענטש איז בלויז א שליח, און אלעס וואס האט פאסירט איז פאר אונזער טובה.

אויב דער דאזיגער געדאנק ווערט אונזער נאטורליכער צוגאנג, קענען מיר נישט זיין טרויעריג אדער בייז, מיר קענען נישט פיינט האבן, מיר קענען נישט האלטן א צארן, און מחילה קומט דאן אן זייער גרינג. דער רעזולטאט פון דעם איז א גוט לעבן, פריי פון דער ווייטאג און דרוק פון כעס, פיינטשאפט, ביטערניש, און געפלאגטע געדאנקען און חשבונות מיט אנדערע. אהבת חנם פליסט פון אינעווייניג.

אין צוגאב, ברענגט אונז יעדער נסיון דריי אומשאצבארע באלוינונגען:

- מיר ווערן בעסערע מענטשן.
- מיר ווערן באלוינט פאר אונזער נצחון איבער דער יצר הרע.
- אין זכות פון זיין א מעביר על מדותיו, איז דער באשעפער מוחל אלע עבירות.

**פארשפרייט לעילוי נשמת אסתר ע"ה בת הרב ראובן אפרים שליט"א. לזכות רפואה שלימה ברכה בת בריינדל תחי' לאוי"ט**